Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 210 | Łódź, Wtorek 8 września 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, כ"ו אלול תרצ"א | № 210

Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224=71

# פלענאר=פערזאמלונג פון פעלקער=בונד

## אנטייל פון 52 רעגירונגען און 21 אויסערן-מיניסטאָרען. — טיטולעסקו פרעזידענט פון דער פערזאמלונג. — די דייטשען בעשולדיגען פראנקרייך אין אינטריגעס

ג ע נ ף, 7 (טו) די פלענאַר־זיצונג פון פעלקער־בונד איז היינט פאַרמיטאָג געעפענט געוואָרען דורך דעם אַמטירענדען פרעזידענט פון ליגע־ראַט, דעם שפּאַנישען אויסערן־מיניסטער לערו. די גאַלעריעס זענען פול מיט פרעסע־פאָרשטעהער, פאָטאָגראַפען און פובליקום. ס'זענען פערטרעטען 52 רעגירונגען, ס'זענען אַנוועזענד 21 אויסערן־מיניסטאָרען.

פאַר דער זיצונג האָבען גרופען דעלעגאַטען אַרומגערעדט די פראַגע פון וועהלען דעם פאָרזיצער פון דער סעסיע. דאָס ערשטע מאָל זייט דער עקזיסטענץ פון דער ליגע איז נישט געקומען פאַר דער זיצונג צו קיין איינשטימיגקייט וועגען דער פערזאָן פון פאָרזיצער. ס'זענען געבליבען 2 קאַנדידאַטען. דער אונגאַרישער דעלעגאַט גראַף אפאני און דער רומענישער טיטולעסקו.

האַלב 11 האָט לערו געעפענט די פערזאַמלונג מיט אַ קורצע רעדע. דאַן זענען פאָרגעקומען די וואַהלען פון פאָרזיצער פון דער סעסיע. ס'איז געוועהלט געוואָרען דער רומענישער געזאַנדטער אין לאָנדאָן טיטולעסקו. גראַף אפאני האָט בעקומען 21 שטימען, טיטולעסקו, איז טראָץ דער טראַדיציע, צום צווייטען מאָל כסדר געוועהלט געוואָרען אַלס פאָרזיצער פון דער סעסיע.

בהענגענדיג די דאָזיגע ידיעה, שרייבט די טעלעגראַפען־אַגענטור „טעל אוניאָן", אַז דאָס אויסוועהלען טיטולעסקו איז אַ רעזולטאַט פון די פראַנצויזישע אינטריגעס אין פעלקער־בונד, כדי נישט צו דערלאָזען, אַז פאָרשטעהער פון די בעזיגטע מלוכות זאָלען בעקומען דעם עהרען־אַמט פון פרעזידענט פון דער פעלקער־בונד - פערזאַמלונג.

ביי אַזאַ לאַגע, שרייבט די אַגענטור, איז פאַר די בעזיגטע מלוכות נישט פאַראַן קיין אָרט אין דער פעלקער־ליגע.

ג ע נ ף, 7 (טו) די דייטשע דעלעגאַציע מאַכט בעמיהונגען, אַז ס'זאָלען פאָרקומען ענדערונגען אין דער לייטונג פון דער מינדערהייטס־אָפּטיילונג ביים פעלקער־בונד, און דער שפּיץ פון דער דאָזיגער אָפּטיילונג זאָל געשטעלט ווערען אַ שווייצאַרער פערזענליכקייט.

ג ע נ ף, 7 (טו) די פאָרשטעהער פון דייטשלאַנד. פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליען, יאַפּאַן און שפּאַניען האָבען זיך געווענדעט צום פרעזידענט פון דער פעלקער־בונד־פערזאַמלונג, אַז מעקסיקא זאָל אַריינגענומען ווערען אַלס מיטגליד פון דער פעלקער־ליגע.

BORIS SOKOLOWER
BANKGESCHÄFT
DANZIG, Langemarkt Nr. 35
tel. 265-30. Telegr. Adr.: Interna.
אויספיהרונג פון אַלערליי באַנק=טראַנזאַקציעס
שנעלע ערלעדיגונג פון זעמטל. אינקאַסאָ'ס
אויף גינסטיגע בעדינגונגען.

פייפענשטאק
אויף 400 פייפען
געזוכט.
צו מעלדען אין פאבריק
Przędzalniana 20

בעראַנטמאַכונג.
דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט דער ג' קונדשאַפט, אַז מיר נעהמען אָן צו ראַלען וויטערס צו ביליגע פרייזען און פינקטליכע אויספיהרונג. ס'קענען זיך מעלדען שטריקער-אַרבייטער צו גלאַטע מאַשינען. פּ ו ל נ א 25 אין דער סמיטער - פאַבריק, 2-טער הויף, לינקס.

טוך= און קאַרט=געשעפט
HERMAN WŁOSKI
לאַדז, נאַוואַמיעסקאַ 3 טעל. 114 92, פראָנט 2-טער שטאָק
עמפעהלט צום איצטיגען הערבסט און ווינטער-סעזאָן דעם רייכסטען אויסוואַל פון די בעסטע
דאַמען- און הערען=שטאָפען
ווי: לאַדזער, טאָמאַשאָווער, ביליצער, לעאָנאַרד'ס און וויסל. אויסאַרבייטונגען
בעסטע קוואַליטעט! / נייעסטע מאָדע! / פאַבריקס=פרייזען! / הורט און דעטייל!

מאַשין=מצות
ווערט געבאַקען אַלע טאָג פרישע און דינע ווי אויך מצה=מעהל. אייער-פארפעל און סוכארקעס לויט קאַרלסבאַדער סיסטעם
מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בעקאַנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראַל בעוואוסטער צוקערניע
ב. וויינבערג
38 פיעטריקאָווער 38
:—: טעלעפאָן 82=143. :—:
אכטונג! עס ווערען אויך אַרויסגעגעבער פריהשטיקען, אווענד-ברויטען

פאַר 2 זל. אַ קילאָ
צו בעקומען עכטען ביהנען=האָניג
פיעטריקאָווער 18, 2-טער הויף, אין שפּייז-געוועלב. גאַראַנטיאַט פאַר אַנאַליז.

צו פערמיטען
פון באַלד אַ ענצעלנע שטוב, אַ שטוב מיט אַ קוך מיט אַלע בעקוועמליכקייטען דירעקט פון ווירט. צו ערפאַהרען פראַנציסקאַנער 30 ביים ווירט

דער פרל.
פעלא פלאַנצבוים
צו איהר חתונה מיט ה'
יחיאל אייזענבערג
ווינשען אַ הארציגען מזל-טוב
מאשקע און א.וו.יאַסני.

ארתרוגים מובחרים
לולבים והדסים
שוין אויף לאַגער ביי
ה. ארפינגער, 10 פּולנאַצנאַ 10

Staromiejski Bank Ludowy
Łódź, Plac-Kościelny 4.
ערלעדיגט אַלע אַרט באַנק אָפּעראַציעס
ביליג, שנעל, רעעל און פינקטליך

ר"ה יו"כ דאַוונט דער בעריהמטער קאַנטאָר
— מיט —
ה' מיטעלבערג אַ כאָר
אין דעם ערשטקלאַסיגען לאָקאַל מיט וואָרענדע אין גאָרטען
מאַניושקי 5, טעל. 88=170
אין אַ פּ פ אַ ל ה ע נ ד ל צ ר-פ ע ר א י ן. פון זונטאָג, דעם 6 סעפטעמבער קען מען שוין דינגען פלעצער צו צוגענגליכע פרייזען.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה
ס'ווערט געדאַוועט
די ימים-נוראים מיט בעריהמטע חונים און אַ גוטן כאָר
אין פרידוואַלד'ס זאַל
פּאָלודניאָווע 10
בילעטען שוין צו בעקומען פון 8 ביז 10 אָווענד.

7-קל. מענער=שולע z pr. szk. państw. פון
ש. שולדעבריין
29 פאָלודניאָווע 29
עם גן=ילדים אין די געוואונשענע שולע פאַר קינדער, וואָס די עלטערן ווילען זיי געבען צוזאַמען מיט וועלטליכע בילדונג אַ שטרענגע רעליגיעזע ערציהונג און גרינדליכע לעהרע אין תנ"ך, העברעאיש, ווי אויך אין תלמוד.
דאָס לעהר-פערסאָנאַל בעשטעהט פון די בעסטע פעדאַגאָגישע קרעפטען. אין פאָרבערייטונגס-קלאַס ווערען אָנגענומען שילער פון 5 און אַ האַלב יאָהר אָהן שום קענטניש.
איינשרייבונג טעגליך אין אַלע קלאַסען פון 9–2 און פון 4–6 נ"מ

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פרוי און קינדער צוליב'ן טויט פון זייער ליבען מאַן און פאַטער און אונזער חשוב'ן פערוואַלטונגס מיטגליד
יונה צווייגהאַפט ז"ל
זיין אנדענקען וועט שטענדיג בלייבען אין אונזער זכרון.
די פערוואַלטונג
פון טאַפעצירער-צעך
אין לאַדז.
7969

צאָהן=אַרצט
י. לעוו
4 ציגעל-גאַס 4
טעל. 44=137
צוריקגעקעהרט.

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס דער
פאַמיליע ראָזענבערג
צוליב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאַן און פאַטער
ב. ע.
מנחם מענדל
המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
פאַמיליע גרינבערג.

